opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 210 | Łódź, Środa, 7 września 1932 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ז׳ אלול תרצ״ב | № 210

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# פויערים ווילען אויסהונגערן ווארשא

## מלחמה פון די פויערים מיט דער הויפטשטאט

## זיי ברענגען נישט קיין לעבענסמיטעל — אלע פרייזען זענען געשטיגען — פערברעכערישע אגיטאציע

וו א ר ש א, 6. (טעלעפאנ״ש) צווישען די פויערים איז געפיהרט געווארען א שטארקע אגיטאציע, אז זיי זאלען נישט צופיהרען קיין לעבענס־מיטעל־פראדוקטען קיין ווארשא, כדי אזוי ארום זאלען די פרייזען געהעכערט ווערען. די אגיטאציע האט געהאט ערפאלג און זייט עטליכע טעג האלטען זיך די פויערים אפ פון ברענגען פראדוקטען אין דער הויפטשטאט.

קיין ווארשא קומען פיל ווענעיגער פוהרען מיט לעבענסמיטעל, צוליב דער דאזיגער סיבה האט נעכטען אנגעהויבען צוליב דער דאזיגער סיבה האט נעכטען אנגעהויבען אלץ טייערער צו ווערען אויף די ווארשאווער מערק, היבטער דער שטאט שטעהען אגיטאטארען, וועלכע לאזען נישט אריין אין שטאט די אנקומענדע פוהרען מיט לעבענסמיטעל. די פרייזען אויף מילכווארג, גריגצייג, קארטאפעל און אזוי ווייטער, זענען נעכטען שטארק געשטיגען.

די פאליציי דערלאזט נישט צו פיהרען די אגיטאציע.

## די נייע פעראָרדנונג וועגן דער אדוואקאטור

### דער אדוואקאטען־הויפט־ראט וועט נאמינירט ווערען דורכ׳ן מלוכה־פרעזידענט

וו א ר ש א, 6. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) ווי מיר דערוויסען זיך איז דער פראיעקט פון דער פעראָרדנונג פון מלוכה־פרעזידענט וועגען דער ארגאניזאציע פון דער אדוואקאטור, געשטיצט אויפ׳ן פראיעקט פון געזעץ וואס איז מיט א יאהר צוריק אריינגעטראגען געווארען אין סיים.

דער אינטערעסאנטסטער פונקט אין דעם פראיעקט פון דער פעראָרדנונג איז דער אופן ווי אזוי ס׳וועט געשאפען ווערען דער עלטסטער אדוואקאטען־הויפט־ראט, וועלכער דארף זיין די הויפט רעפרעזענטאנטין פון דער אדוואקאטור.

דער ערשטער אדוואקאטען־ראט וועט בעשטימט ווערען דורכ׳ן מלוכה־פרעזידענט אויף א צייט פון 3 יאהר פון צווישען די אדוואקאטען, וועלכע זענען איינגעשריבען געווארען אויף די אדוואקאטען ליסטעס ווענינסטענס 10 יאהר.

נאך די דאזיגע 3 יאהר וועלען פארקומען וואהלען.

## יאפאנישע פאליציי אין מאנדזשוריען

פ א ר י ז, 6 (ספ. טעל.)

די יאפאנישע מאכט האט קאמאנדירט פון מוקדען קיין מאנדזשוריען 450 יאפאנישע פאליציי־אגענטען, כדי צו פערשטארקען די מאנדזשורישע פאליציי אין פערשידענע פונקטען פון לאנד.

## שעף פון אמעריקאנער גענעראל־שטאב

### וועט זיין אין ווארשא

פ א ר י ז, 6. (ספ. טעל.) נעכטען איז אנגעקומען קיין פאריז, אויפ׳ן וועג קיין ווארשא, דער שעף פון אמעריקאנער גענעראל־שטאב גענעראל דוגלאס מעק ארטהור. דעם גענעראלס בעזוך אין פאריז טראגט נישט קיין שום אפיציעלען כאראקטער.

היינט זאל גענ. מעק אפפאהרען קיין ווארשא, וואו ער וועט זיין אנוועזענד בעת די פוילישע מאנעווערס.


Dr.
B. Robinzon
צוריקגעקעהרט
פיעטריקאווער 10, טעל. 131-86
נעמט אן פון 3-4 נאכמ. און פון $6\frac{1}{2}$-$7\frac{1}{2}$ נאכמ.



זאל פילהארמאניע
נארוטאוויטשא 20

פרייטאג, ד. 9 סעפט., 6.30 אוונט, שבת, פ׳ תצא, 10 סעפט. 30 9 פריה
וועט דאווענען קבלת שבת, שחרית און מוסף
דער וועלט־בעריהמטער איבערראגענדער פון דער ווארשאווער סינאגאגע

זאל פילהארמאניע
נארוטאוויטשא 20

# משה קוסעוויצקי

מיט׳ן אנטייל פון א ספעציעל איינשטודירטען כאר אונטער דער לייטונג פון הערש רוביז.

בילעטען־פערקויף: זעלמאנאוויטש, פיעטריקאווער 12 (קאנדיטאריי), ווייגבערג, נאוואמיעסקא 30 (קאנדיטאריי) און אין דער קאסע פון פילהארמאניע.

פרייז פון בילעטען פון 1 זל. ביז 2 זל.

——— פאר פרויען ספעציעלע רעזערווירטע פלעצער. ———

פרייז פון בילעטען פון 1 זל. ביז 2 זל.



צו דער חתונה פון אונזער ליבען ברודער און שוואגער חיים זעלינמאן מיט פרל. אסתר פייגע פאלטאיעווסקא ווינשען מיר א הארציגע מזל־טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען. זאל אייער נייער לעבענס־וועג מיט רויזען בעצירט זיין. 8089

ישראל הערש זעליגמאן און פאמיליע.

פאר גאלד, בריליאנטען, ביזשוטעריע און לאמבארד־קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווע 7

Dr. J. HERSZFINKIEL
זשעלאזנא 8a
טעל. 111-87 6089
צוריקגעקעהרט.

Dr. Z. RAKOWSKI
ספעציאליסט פאר
אויערען, נאז, האלז און לונגען־קראנקהייטען
11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)
טעל 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון, 11—12
אין כעלמי פון 8—9 פריה.



דאס לאנג־עקזיסטירענדע און איבעראל־בעוואוסטע
7-קל. רעליגיעזע לעהר-אנשטאלט
# „בית־אברהם"
עם גן־ילדים
פון אברהם שלאמאוויטש
לאדז, אגראדאווא 10, – עקזיס. פון יאהר תרמ״ד
טיילט מיט, אז ס׳ווערן נאך אנגענומען איינשרייבונגען פון תלמידים אויפ׳ן שול־יאהר 1932/33 אין אלע מחלקות.

„בית־אברהם" האט אין משך פון איהר לאנג־יעהריגער עקזיסטענץ שטענדיג דער עיקר אכט געלעגט אויף דעם עצם תכלית און קינד.

„בית־אברהם" האט אין דער צייט פון איהר עקזיסטענץ ארויסגעגעבען א רייה געלערטע, תלמידי חכמים רבנים און בערימטע פערזענליכקייטען

„בית־אברהם" וועט ווי ביז אהער ווייטער געבען דעם קינד א פולשטענדיגען תכלית אין לימוד וחנוך.

צום נייעם שול־יאהר ווערט אלץ בעדייטענד פערגרעסערט און פערברייטערט ביי דער מיטווירקונג פון בעוואוסטע פעדאגאגישע קרעפטען אין אלע לימודים.

צוליב דעם אלגעמיינעם קריזיס זענען די פרייזען פערקלענערט געווארען.

בעמ.: ביי דער שולע געפינט זיך א גן־ילדים (פרעבל־שולע) און עס ווערען אנגענומען קינדער פון 5 יאהר אן.

די לימודים האבען זיך אנגעהויבען דאנערשטאג דעם 1 וושעשען.

די לייטונג



די לאנג־בעוואוסטע רעליגיעזע־נאציאנאלע ערציהונגס־אנשטאלטען
# קאצענעלזאן־נאחומאב

7־קלאסיגע מענער־שולע און רעליגיעזער חדר
8 באאל־לודקא 8
(צווישען נאוואמיעסקא און וסכאדניא)
טעלעפאן 177 01
ס׳ווערען אנגענומען יונגלעך פון 3 ביז 15 יאהר
פון 3 יאר אין גן־ילדים־פרעבעלשולע
פון $5\frac{1}{2}$ יאהר אין א ספעציעלע פארבערייטונגס־קלאס A°
פון 7 ביז 15 יאר—אין אלע 7 קלאסען
איינשרייבונגען נאד־לודקא 8, טעלעפאן 177-01
אין די שעה׳ן 11—2 נאכמ.

7־קלאסיגע קאעדוקאציאנס־שולע און בעקאנטע מוסטערהאפטע פרעבעל־שולע־גן־ילדים
20 פאמארסקא 20
(דורכגאנג דורכ׳ן הויף — סאלע 4)
קינדער פון 3 ביז 15 יאהר ווערען אנגענומען פון גן־ילדים אן ביז צו דער 7־טער קלאס.
איינשרייבונגען פאמארסקא 20 (דורכגאנג סאלע 4)
אין די נאכמיטאג־שעה׳ן 3—6.



Kolektura Loterji Państwowej
S. Passierman
5222
געפינט זיך איצט אויף
13 פיעטריקאווער 13
קויפט ביי אונז די גליקליכע לאסען צו דער 5־טער קלאס.
די ציהונג קומט שוין פאר מארגען ד. 8 סעפטעמבער 1932.

